# וכל מאמינים

א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

371 | פרשת תצוה | תשפ"א

## מאוצרות אמונים
### פערל ווערטער איבער אמן און תפילה אין די פרשה

### נאר פאר בנימין 'יש פֶּה'

**"וְהַטּוּר הָרְבִיעִי תַּרְשִׁישׁ וְשֹׁהַם וְיָשְׁפֵה"** (כח כ)

**רבי שמשון חיים נחמני זאגט:**

אויף די לעצטע שטיין - 'ישפה', איז אויסגעקריצט געווען דער נאמען פון דער לעצטער פון די שבטים - בנימין (שמו"ר לח ח). און די ווארט: 'ישפה' קען מען ליינען: 'יש - פֶּה', וואס דאס איז מרמז אז מער פון אלע שבטים האט בנימין זוכה געווען אז זיינע תפילות מיטן מויל ווערן אנגענומען. ווייל די חכמים (ילקו"ש וזאת הברכה תתקנז) ערקלערן די סיבה פארוואס די בית המקדש איז אויפגעבויעט געווארן אין חלק פון בנימין ווייל אנדערשט פון די אנדערע שבטים וואס זענען געווען פארמישט אין מכירת יוסף, און ווייל זיי האבן נישט צוגעהערט די געוויין פון זייער ברודער און האבן נישט רחמנות געהאט אויף אים, דעריבער זענען זיי נישט ווערד אז פון הימל זאל מען אויף זיי רחמנות האבן און זייערע תפילות זאל אנגענומען ווערן, אבער אויף דער חלק פון בנימין וואס האט נישט א טייל גענומען ביי מכירת יוסף, איז ראוי אז דארט זאל אויפגעבויעט ווערן א פלאץ אויף השראת השכינה וואו די תפילות ווערן אנגענומען.

'זרע שמשון'

### 'יציאת צדיק עושה רושם'

**"וְנִשְׁמַע קוֹלוֹ בְּבֹאוֹ אֶל הַקֹּדֶשׁ לִפְנֵי ה' וּבְצֵאתוֹ וְלֹא יָמוּת"** (כח לה)

די חז"ל זאגן (מגילה כט א): "דער וואס גייט אריין אין שול דאווענען איז א מצוה ער זאל טון א קפנדריא" [פארקורצערן די וועג דורך דעם וואס ער גייט אריין פון איין טיר און גייט ארויס פון די אנדערע טיר]. דער ר"ן (שם ט ב מדה"ר) ערקלערט ווען דער מענטש שפאצירט אריבער די לענג פון די גאנצע שול כדי ארויסגיין פון די צווייטע זייט, מיט דעם ווייזט ער אז ער האט ליב די שול.

**רבי שמואל אריה ז"ק** ביאלער רב ערקלערט אז אין די מצוה ליגט א טיפע געדאנק:

דער וואס דאוונט און לערנט אין שול דארף איינזאפן אין זיך די הייליגקייט פון די פלאץ, אז די הייליגקייט זאל בלייבן אין אים א גאנצן טאג, אז אויך ווען ער איז באשעפטיגט אין זיין ארבעט זאל ער געדענקען זיין תכלית אויף דער וועלט און אלעס זאל ער טון לשם שמים. דאס האבן די חכמים מכוון געווען זאגנדיג מ'זאל נישט ארויסגיין פון די זעלבע טיר ווי מ'איז אריין; ד.מ. אז דער וואס דאוונט זאל נישט ארויסגיין פון שול אזוי ווי ער איז אריין, נאר ווען ער גייט ארויס זאל ער זיין ווי א אנדערער מענטש, מיטנעמענדיג מיט זיך די קדושה וואס ער האט אין זיך אנגעזאפט.

דער יסוד איז אויך מרומז אין אונזער פסוק: "וְנִשְׁמַע קוֹלוֹ בְּבֹאוֹ אֶל הַקֹּדֶשׁ" - אויסער וואס דער שטימע פונעם מענטש דארף געהערט ווערן אין שול מיט א ברען, דארף ער זארגן אז אויך: "וּבְצֵאתוֹ" פון שול "וְלֹא יָמוּת" - זאל נישט אפשטארבן און זיך ענדיגן די איינדרוק פון די קדושה פון די שול.

'רמזי דחכמתא' מסכת ברכות; 'יגדיל תורה'

### צולייגן 'דעה' אנהייב די ברכה

**"וְיִרְכְּסוּ אֶת הַחֹשֶׁן מִטַּבְּעֹתָו... לִהְיוֹת עַל חֵשֶׁב הָאֵפוֹד"** (כח כח)

**דער רבי ר' שמעלקא פון ניקלשבורג זאגט:**

'אפוד' איז בגימטריה 'אמן'. אין די ווערטער "חשב האפוד" האט די תורה מרמז געווען אז אויפן מענטש ליגט א חיוב ער זאל צולייגן מחשבה ביים ענטפערן אמן, עס ענטפערן מיט כוונה ווי עס דארף צו זיין.

**רבי יצחק הוטנער**, ראש ישיבת 'רבנו חיים בערלין', פלעגט מעורר געווען זיינע נאנטע מענטשן אז ענטפערן 'אמן' האט אין זיך עטליכע באדייטן, די כוונה פון 'אמן' פון די ברכה איז נישט ווי די כוונה פון 'אמן' פון א אנדערע ברכה. דעריבער דארף מען גוט צוהערן צו די ברכות, כדי צו וויסן אויף וועלכע מ'ענטפערט. בדרך מליצה פלעגט ער זאגן: "אם אין דעה - הבדלה מנין" (ירושלמי ברכות ה ב) - אויב מ'ווייסט מען נישט אויף וועלכע ברכה מ'ענטפערט 'אמן', וויאזוי וועט מען וויסן אפטיילן צווישן די כוונה פון 'אמן' פון די ברכה ביז די כוונה פון א אנדערע ברכה?! אויף דעם האבן די חכמים מרמז געווען (סנהדרין צב א): "גדולה דעה שניתנה בתחילת ברכה" - ווען מ'לייגט צו קאפ צוהערן די ברכה פון אנהויב קען מען ענטפערן 'אמן' ווי עס דארף צו זיין.

'דברי שמואל' פרשת תצוה; 'כתר מלוכה' עמ' רעב

### די פיר בגדי כהונה זענען מרומז אין די 'סליחות'

**"וְלִבְנֵי אַהֲרֹן תַּעֲשֶׂה כֻתֳּנֹת וְעָשִׂיתָ לָהֶם אַבְנֵטִים וּמִגְבָּעוֹת תַּעֲשֶׂה לָהֶם לְכָבוֹד וּלְתִפְאָרֶת"** (כח מ)

**רבי יחיאל העליר בעל 'עמודי אור' זאגט:**

די חכמים זאגן (סנהדרין לט א) אז הקב"ה ווערט אנגערופן א 'כהן'. נאך זאגן זיי ('ליקוטי שושנים' [פון ר"ש מאוסטרופלי] אין אנהייב ספר ליקוט ב אין נאמען פון 'מדרש הנעלם') אז בזמן שבית המקדש היה קיים איז הקב"ה כביכול געווען אנגעטון מיט די שמונה בגדים ווי א כהן גדול, און פון ווען די אידן האבן געזינדיגט און דער בית המקדש איז חרוב געווארן טוט זיך אן כביכול נאר מיט די פיר קליידער פון א כהן הדיוט: "כתונת, מכנסים, מגבעת און אבנט".

לויט דעם קען מען ערקלערן וואס מיר זאגן ביי די סליחות אין פינעפטן טאג פון עשרת ימי תשובה [די"ג מידות'] ביי די פיוט: "אלקים בישראל גדול נודעת" - "תתאזר בחנינותך תתלבש בצדקותיך. תתכסה ברחמיך ותתעטף בחסידותך". די פיר לשונות זענען מרמז אויף די פיר בגדי כהונה וואס כביכול איז מיט זיי אנגעטון אין די יעצטיגע צייטן; 'תתאזר' - אקעגן די אבנט וואס ווערט אנגערופן 'אזור'; 'תתלבש' - אקעגן די כתונת, וואס אויף דעם שטייט (שמות מ יד): "וְהִלְבַּשְׁתָּ אֹתָם כֻּתֳּנֹת"; 'תתכסה' - אקעגן די מכנסים, וואס אויף זיי שטייט (שם כח מב): "וַעֲשֵׂה לָהֶם מִכְנְסֵי בָד לְכַסּוֹת..."; 'תתעטף' אקעגן די מגבעת וואס די כהנים האבן מיט דעם ארום גענומען זייער קאפ (רמב"ן שם לא).

'עמודי אור' דרוש קכב בהגה"ה

### די פרשה פון קטורת 'בינדט' צו די תפילה

**"וְעָשִׂיתָ מִזְבֵּחַ מִקְטַר קְטֹרֶת"** (ל א)

די מלאכת המשכן ענדיגט זיך מיט די פרשה פון מזבח הקטורת, אזוי אויך ענדיגן מיר די תפילה פון שחרית מיטן זאגן די פרשת הקטורת. פארוואס?

זאגט **רבי אברהם סבע** פון די פארטריבענע פון שפאניע:

"וועגן דעם האט זיך געענדיגט די גאנצע אויפבוי פון די משכן מיט די מזבח הקטורת, ווייל דאס איז מקשר די גאנצע משכן, און איז מקשר די זאכן פון אונטן מיט די זאכן פון אויבן און פון אויבן מיט אונטן. און וועגן דעם ווערט עס אנגערופן קטורת - א לשון פון צובינדן, אזוי ווי (זוהר בא לח א): 'שרי קטרין' [עפענט די קניפן], ווייל דאס פארבינדט און איז מחבר אלע זאכן... און צוליב דער טעם זאגן מיר יעדן טאג צופריה און ביינאכט נאך יעדע תפילה די פרשה פון קטורת, ווייל די קטורת איז דער זיגל פון אלעס און פארבינדט די גאנצע תפילה און פון דעם ווערט א קרוין פאר השם יתברך".

'צרור המור'



## "יְסוֹד וְשֹׁרֶשׁ הָעֲבוֹדָה"

דעם קומענדיגן דינסטאג הבעל"ט י"ח באדר געפאלט אויס די יומא דהילולא פון הגה"ק רבי אלכסנדר זיסקינד פון הארדנא זי"ע בעל 'יסוד ושורש העבודה'. אין זיין באוואוסטן ספר שילדערט ער זייער שטארק די לויב און מעלה פון ענטפערן אמן בכוונה, און אזוי שרייבט ער אויף דעם ענין פון זאגן ברכות השחר בחברותא:

**"די ברכות השחר, פון 'הנותן לשכוי בינה' ביז 'הגומל חסדים', איז גוט מ'זאל זיי זאגן אין שול צוזאמען מיט די אנדערע חלקים פון די דאווענען, כדי אנדערע זאלן ענטפערן אמן אויף די ברכות, ווייל די מעלה פון די ברכה ווען אנדערע ענטפערן אמן איז זייער גרויס, אזוי ווי עס שטייט אין זוהר הקדוש (עקב רעא א)... דעריבער איז פאסיג אז א מענטש זאל ווי ווייט מעגליך אכטונג געבן צו זאגן זיינע ברכות פאר אנדערע, כדי זיי זאלן ענטפערן אמן נאך די ברכה".**

**ברכות השחר: אויפן קול | מיט כוונה | מיט א חברותא.**

# תענה אמונים

געדאנקען לויט די סדר פון דאווענען

## 'יהי רצון' נאך די ברכה 'המעביר שינה' (ו)

### 'חסדים טובים' - נישט לויט די ווערד פון די מעשים

ביי די סוף פון די ברכה 'המעביר שינה' בעטן מיר פון באשעפער: "ותגמלנו חסדים טובים". אויך ביי די ערשטע ברכה פון שמונה עשרה באטיטלען מיר דעם אייבערשטן מיט אט דעם טיטול: "גומל חסדים טובים". און עס באקאנט די פראגע: איז דען דא חסדים וואס זענען נישט גוט?

ר"י בר יקר ערקלערט אז מיטן זאגן "חסדים טובים" בעטן מיר אז השי"ת זאל אונז געבן חסדים מער פון וואס עס קומט זיך לויט אונזערע מעשים. אזוי ווי די חכמים דרש'ענען אין מדרש (תנחומא משפטים טו) אויפן פסוק (משלי יט יז): "וגמלו ישלם לו", אז דער וואס געבט א פרוטה פאר א ארעמאן וואס איז שיער געשטארבן פון הונגער, באצאלט אים נישט הקב"ה נאר לויט די איין פרוטה וואס ער האט געגעבן פאר צדקה, נאר ווי איינער וואס האט געראטעוועט לעבן פון א מענטש. און אזוי איז דער לשון המדרש: "אמר הקב"ה: דער זעל פון ארעמאן איז שיער ארויס פון אים פון הונגער, און דו האסט אים געשפייזט און אויפגעלעבט, איך וועל דיר באצאלן נפש תחת נפש; א צייט שפעטער ווען דיין זון אדער טאכטער וועלן זיין שטערבערליך קראנק, וועל איך געדענקען די מצוה וואס דו האסט געטון מיטן ארעמאן און איך וועל זיי ראטעווען פון טויט" ('פירוש התפלות והברכות' ח"ב עמ' טו).

דער של"ה הקדוש ערקלערט אז 'חסדים טובים' איז אזעלעכע חסדים וואס די זכותים פון דער מענטש ווערן נישט פארוויינִיגערט דורך זיי. מיר טרעפן ביי יעקב אבינו אז ווען זיין ברודער עשו איז זיך געקומען קריגן מיט אים האט ער געדאווענט (בראשית לב יא): "קָטֹנְתִּי מִכֹּל הַחֲסָדִים ... אֲשֶׁר עָשִׂיתָ אֶת עַבְדֶּךָ", און די חז"ל טייטשן (שבת לב א) אז ער האט געציטערט טאמער זיינע זכותים זענען פארוויינִיגערט געווארן צוליב די סאך חסדים וואס ער האט שוין באקומען. דעריבער בעטן מיר דא: "ותגמלנו חסדים **טובים**" - די זכותים זאלן נישט פארוויינִיגערט ווערן דורך זיי ('סידור השל"ה').

מ'דארף אנצייכענען, טראץ וואס לויטן של"ה בעטן מיר אז די חסדים זאלן נישט זיין א באלוין אויף אונזערע מצוות, דאך איז עס נישט א סתירה צו דעם לשון "ותגמלנו", ווייל דער רד"ק זאגט (יואל ד ג) אז דער אויסדרוק 'גמול' מוז נישט אויסגעטייטשט ווערן ווי א באלוין אויף א געוויסע זאך, נאר עס קען אויך פארטייטשט ווערן ווי געבן אדער עפעס טון אן א עקסטערע סיבה.

### 'חסדים טובים' - א חסד וואס דערקענט זיך

ווען יעקב האט געדאווענט צו השי"ת ער זאל אים ראטעווען פון זיין ברודער עשו, האט ער דערמאנט די הבטחה וואס ער האט באקומען אין הר המוריה (שם לב יג): "וְאַתָּה אָמַרְתָּ הֵיטֵב אֵיטִיב עִמָּךְ". די סיבה פארוואס ער האט געדאפלט זיין לשון - 'היטב איטיב', טייטש רבי לוי יצחק פון בארדיטשוב: עס זענען דא 'חסדים' וואס טראץ זיי קומען לטובת דער מענטש, זען זיי אויס אין זיינע אויגן ווי שלעכט'ס. וועגן דעם ווען יעקב אבינו האט געוואלט אז הקב"ה זאל טון מיט אים אפענע חסדים - ער זאל אים ראטעווען פון זיין ברודער עשו - האט ער געדאפלט און געזאגט: "וְאַתָּה אָמַרְתָּ הֵיטֵב **אֵיטִיב** עִמָּךְ" - דו הסט דאך מיר צוגעזאגט אז דו וועסט מיר גוט'ס טון אזא סארט גוטסקייט וואס איז א חסד אויך אין די אויגן פון מענטשן.

מיט דער יסוד טייטש דער 'פרי מגדים' די בקשה: "ותגמלנו חסדים טובים"; מיר בעטן אז ה' זאל אונז באלוינען אזעלעכע חסדים וואס די גוט'ס פון דעם זאל זיין אפן און קלאר, און נישט אזעלעכע וואס די גוט'ס איז פארהוילן פון מענטש'נס אויגן (א"א או"ח מו ה).

א יונג קינד א אייניקל פון רבי ר' בונם פון פשיסחא איז נפטר געווארן אין שבת. אין לויף פון גאנץ שבת האט דער רבי אויף א וואונדערליכן אופן זיך געשטארקט אויף זיינע געפילן, אזוי ווייט אז עס האט זיך נישט אנגעזען אויף זיין פנים עפעס א ענדערונג פון א געווענליכן שבת, נאר מוצאי שבת, נאכן ענדיגן הבדלה, האט ער אויסגעבראכן אין א געוויין און געזאגט: "מיר גלייבן אין די ווערטער פון חכמים (ברכות ס ב): 'כל מה דעביד רחמנא לטב עביד' - אבער השי"ת זאל אונז אפהיטן פון אזעלעכע טובות... ריבונו של עולם איך בעט פון דיר, אז פון היינט און ווייטער, אזוי ווי דו האסט צוגעזאגט פאר יעקב: 'הֵיטֵב אֵיטִיב עִמָּךְ', זאלסטו אויך גוט'ס טון מיט מיר אויף אזא וועג וואס איך וועל זען קלאר און אפן די גוט'ס" ('חשבה לטובה' לקוטים).

### 'חסדים טובים' - א שלימות'דיגע טובה

אויף נאך אנדערע וועגן ערקלערן די מפרשים די בקשה: "ותגמלנו חסדים טובים":

עס זענען דא חסדים וואס ענדיגן זיך נישט גוט, אזוי ווי עס שטייט (קהלת ה יב): "יֵשׁ ...עֹשֶׁר שָׁמוּר לִבְעָלָיו לְרָעָתוֹ", וועגן דעם בעטן מיר אונז, מיר זאלן זוכה זיין צו חסדים וואס וועלן זיין גוט פון אנהייב ביזן ענדע (פירוש 'שיח יצחק' שבסידור הגר"א).

נאך א ערקלערונג: עס זענען דא צוויי סארטן חסדים: עס זענען דא חסדים וואס דער מענטש וויל שטענדיג באקומען, אבער עס זענען דא חסדים וואס זענען נישט גוט נאר צוליב א געוויסע סיבה. צ.ב.ש. איינער וואס איז ארעסטירט געווען און איז באפרייט געווארן פריער פון די באשטימטע צייט. דער מענטש האט זוכה געווען צו א געוואלדיגע חסד, אבער עס איז קלאר אז ער וויל נישט איינגעשפארט ווערן נאכאמאל כדי צו זוכה נאכאמאל צו דער חסד... דעריבער בעטן מיר אז השי"ת זאל אונז באלוינען אזעלעכע חסדים וואס זענען באמת 'טובים', און נישט אזעלעכע וואס דער מענטש דארף צו זיין צוקומען אקעגן זיין ווילן צוליב א צרה וואס האט אים באטראפן ('ברוך שאמר' עמ' לב).

נאך טייטש מען: עס שטייט אין משנה (ברכות נד א): "ועל הבשורות הטובות - אומר: ברוך הטוב והמטיב". ערקלערן די חכמים (שם נט ב) אז דער נוסח זאגט מען נאר אויף א בשורה וואס איז גוט אויך פאר אנדערע, ווייל דעמאלטס איז פאסיג צו זאגן: 'הטוב' - פאר אים 'והמטיב' - פאר אנדערע. אבער אויף א בשורה וואס איז גוט נאר פאר אים זאגט מען נישט 'הטוב והמטיב', נאר 'שהחיינו'. ענליך צו דעם קען מען טייטשן די בקשה "ותגמלנו חסדים טובים" - מיר בעטן אויף 'חסדים טובים' וואס מיר זאלן קענען גוט'ס טון דורך דעם אויך פאר אנדערע, וואס דאס איז די בעסטע טובה ('טללי אורות' - ביאורי תפילה ח"א עמ' רנז, אין נאמען פון הגר"ש שוואב).

### 'חסדים טובים - לעמו ישראל'

אזוי ווי מיר האבן שוין דערמאנט, דער 'שולחן ערוך' (או"ח מו א) פסק'נט ווי די ראשונים וואס האלטן אז די ברכה איז א 'ברכה ארוכה', וואס הייבט זיך אן מיט: "המעביר שינה", און טוט פארזעצן מיט די לאנגע געבעט פון 'יהי רצון' און ענדיגט זיך מיט: 'הגומל חסדים טובים לעמו ישראל'. לויט דעם וואונדערן זיך די בעלי התוס' (ברכות מו א ד"ה כל): די הלכה איז דאך אז יעדע 'ברכה ארוכה' דארף מען ענדיגן מיט אזעלעכע ווערטער וואס זייער אינהאלט איז ענליך צו די אנהייב פון די ברכה (זעה פסחים קד ב), איז וואספארא קשר איז דא צווישן "הגומל חסדים טובים" צו "המעביר שינה"? ענטפערט תוס': אין די גמילות חסדים וואס ווערט דערמאנט אין ענדע פון די ברכה, ווערט אויך אריינגערעכנט די געוואלדיגע חסד וואס הקב"ה טוט מיטן מענטש מיט דעם וואס ער נעמט אוועק די שלאף פון זיינע אויגן און באנייט זיינע קערפערליכע און גייסטישע כוחות יעדן אינדערפריה.

לויט תוספות קענען מיר אויך פארשטיין די סיבה וואס מיר באטאנען ביי די ענדע פון די ברכה - "הגומל חסדים טובים **לעמו ישראל**", כאטש דער אייבערשטער טוט חסדים טובים מיט אלעמען? [און דער סמ"ק (סי' קנא) איז טאקע גורס: "גומל חסדים טובים לבריותיו"].

אבער נאר ווייל ביי די אידן איז אוועק נעמען די שלאף [וואס איז אריינגערעכנט אין 'חסדים טובים' לויט תוס'] איז בגדר "חסדים טובים", ווייל ווען זיי זענען אויף זענען זיי עוסק אין תורה און מצוות, אבער די אומות העולם - די רשעים, אדרבה דאס שלאפן איז פאר זיי א טובה, ווייל כאטש דעמאלטס זינדיגן זיי נישט, אזוי ווי די חכמים זאגן (סנהדרין עא ב): "שינה לרשעים - הנאה להן והנאה לעולם, ולצדיקים - רע להן ורע לעולם" (סידור 'צלותא דאברהם' עמ' מב, אין נאמען פון אדמו"ר רבי אברהם מטשעכנאוו).

נאך ערקלערט דער ב"ח (או"ח מו): ביי די ברכה בעטן מיר, מיר זאלן געראטעוועט ווערן פון יצר הרע און זיך באהעפטן צו דעם יצר טוב. די סארט חסד טוט הקב"ה נאר מיט "עמו ישראל" וואס זייער נשמה קומט פון אונטער די כסא הכבוד "און זיי זענען די עצם קדושה און טהרה", דעריבער אין די פנימיות פון זייער הארץ ווילן זיי זיך מדבק זיין אין זייער באשעפער. דאקעגן די אומות העולם וואס זיי זענען "עצם הטומאה, און דער חלק פון יצר הרע", פאר זיי העלפט ער נישט געראטעוועט ווערן פון זייער יצר הרע. דעריבער באטאנען מיר ביי די סוף פון די ברכה: "הגומל חסדים טובים **לעמו ישראל**".

**ותגמלנו חסדים טובים** - וואס זייער גוט'ס איז אפן און אונזערע זכותים זאל נישט פארוויינִיגערט ווערן דורך דעם: **ברוך אתה ה' הגומל חסדים טובים** און העלפט זיי זיך צו שטארקן אויפן יצר, נאר **לעמו ישראל**, ווייל זייער נשמה קומט פון א הייליגע פלאץ.

# מעשה אמונים

א וועכנטליכע ערציילונג אויף אמן און תפילה

## נאכן פארצווייפלונג זענען די תפילות אנגענומען געווארן

דער גאון רבי חיים ירמיהו פלענסבערג זצ"ל, וואס איז באקאנט מיטן נאמען 'גאב"ד שאקי', על שם די ליטווישע שטאט וואו דארט האט ער משמש געווען ברבנות, איז געווען פון די גדולים אין זיין דור. אין זיינע שטורעמישע לעבן איז ער באקאנט געווען מיט זיין שטארקע מלחמה אקעגן די משכילים, מיט זיינע וואונדערליכע דרשות, און זיינע ספרים וואס האבן באלויכטן די עולם התורה, צווישן זיי 'דברי ירמיהו' על התורה, שו"ת 'שאלות חיים' א.נ..

רבי חיים ירמיהו איז געווען א אפשטאמיגער פון די שיינע משפחות צווישן כלל ישראל. זיין מאמע די צדקנית מרת טעמא עליה השלום איז געווען א אייניקל פון בעל 'סדר הדורות', וואס ווי באוואוסט האט ער געהאט א יחוס בריוו ביז דוד המלך עליו השלום.

רבי חיים ירמיהו איז געבוירן געווארן צו זיינע עלטערן אויף דער עלטער, און דאס איז פארבינדן מיט א וואונדערליכן ערציילונג וואס לערנט אונז דעם גרויסן כח פון תפילה וואס קומט קיינמאל נישט צוריק:

אין אירע יונגע יארן האט זיין מוטער חתונה געהאט מיט א מכובד'יגן איד וואס אויסער זיין תורה האט ער אויך מצליח געווען אין זיינע געשעפטן. מיט זיין גרויסע פארמעגן האט דער איד געקויפט א גרויסע גיט אין די גרעניצן פון די שטאט אירבורג וואס איז נעבן קובנא, אין דעם איז געווען פרוכטבארע פעלדער א.נ., און דארט האט די פאר-פאלק אוועקגעשטעלט זייער הויז און געלעבט בשלום ובשלוה אין לויף פון אסאך יארן.

דאס לעבן פון די פאר-פאלק וואלט געקענט זיין גליקליך און צופרידן אן קיין גרעניץ, ווען נישט די גרויסע צרה וואס האט פארטונקלט ווי א וואלקן זייער צופרידנהייט און פארביטערט זייער לעבן; זיי האבן נישט זוכה געווען צו קינדער.

די זאך האט פארנעפלט אויף זייער בשותפות'דיגן גליק, אבער אין די צייט וואס דער מאן האט זיך אינגאנצן אריינגעלייגט אין זיינע געשעפטן וואס האבן זיך צושפרייט און פארצווייגט, איז די פרוי וואס איז געזיצן לאנגע שעה'ן איינזאם אין שטוב אזוי ווי די צניעות'דיגע פרויען, האט נישט אויפגעהערט אויף א מינוט פון טראכטן פון איר ווייטאג.

די יארן האבן זיך גערוקט און בדרך הטבע זענען זייערע אויסזיכטן געווארן וויינִיגער און וויינִיגער, אבער די פרוי האט נישט אויפגעהערט פאנטאזירן וואס וועט זיין ווען זי וועט פארלאזן דעם וועלט, און עס וועט נישט זיין ווער עס זאל זאגן 'קדיש' נאך איר, און דאס האט איר צוגעברענגט א שרעקליכן צער.

זייענדיג א גרויסע צדקנית, איז זי נישט צוגעלייגט געווארן חלילה, נאר זי האט געהאפט אן א אויפהער צו די ישועה פון השי"ת, און זי האט פרובירט צו פארמערן זכותים ווי מער; יעדער ארעמאן און נויטבאדערפטיגער וואס איז געקומען צו איר אין הויז האט מען אים שיין אויפגענומען, און זי איז באקאנט געווען אלס א גוט'ס הארציגע פאר יעדע דבר שבקדושה.

זי האט פארמערט זייער אסאך מעשים טובים, אבער איבער אלעמען האט זי זיך פארלאזט אויף די כח פון תפילה. יעדן טאג האט זי פארגאסן טרערן ביי אירע תפילות, אינדערפריה, מיטאג און ביינאכט, פארן באשעפער, ער זאל אויפרעכטן זייער הויז בדבר ישועה ורחמים און זיי זאלן זוכה זיין צו זרע של קיימא.

אבער ווי מער די יארן זענען אדורך און איר ישועה האט זיך פארזוימט פון צו קומען, איז איר לעבן פארביטערט געווארן אויף איר, און פון די גליק און 'גוטע לעבן' וואס זי האט פארמאגט האט זי נישט געהאט אין דעם א טעם און געפיל, ווייל אויב זי האט נישט קיין קינדער - וואס האט זי פון איר לעבן?!

ווען עס איז שוין אדורך כמעט דרייסיג יאר פון איר חתונה, האבן אנגעהויבן ארום צו לויפן אין איר מח יאוש'דיגע געדאנקען; "ווער ווייסט", האט זי געטראכט צו זיך, "אפשר אויב איך וועל זיך גט'ן פון מיין מאן און איך וועל חתונה האבן מיט א צווייטן, איז נאך דא א האפענונג איך זאל זוכה זיין צו א קינד וואס וועט באלייכטן די פינסטערניש פון מיין לעבן".

עטליכע טעג האט זי זיך געדרייט מיט אט די שווערע מחשבות, ביז זי האט געפילט אז זי קען זיך שוין מער נישט איינהאלטן. איין טאג, ווען זי האט געגעסן נאכטמאל צוזאמען מיט איר מאן, האט זי זיך געווענדן צו אים מיט ציטער און פארכט, און ארויסגעברענגט איר געוואלדיגע שעצונג וואס זי האט צו אים דורכאויס די אלע יארן. און דעמאלטס האט זי פארגעזעצט מיט א ווייכע שטימע:

"מיר ביידע ווייסן דאך נישט צוליב וועמען מיר ליידן די אלע יארן. ווער ווייסט, עס קען זיין אז עס לוינט זיך פאר אונז ביידע, מיר זאלן נישט זיין פארלאזן דער וועלט קינדערלאז אן א געדענקעניש, איז אפשר בעסער אז יעדער פון אונז זאל זיך גיין אויף זיין וועג; דו וועסט אויפבויען דיין נייע הויז און אויך איך וועל אויפבויען מיין הויז פון דאסניי, אזוי וועלן מיר ביידע אפשר זוכה זיין אויפשטעלן דורות, און אויסלעבן אונזערע איבערגעבליבענע יארן צופרידן און גליקליך".

ווען דער מאן האט געהערט די ווערטער, איז ער אויפגעשוידערט און פאראלאזירט געווארן. ער האט קיינמאל נישט געטראכט אז אזא געדאנק וועט ארויפקומען אין זיין הויז. נאך עטליכע מינוט שווייגעניש האט ער געזאגט: "דו ביזסט שוין נאנט צו די עלטער פון פופציג יאר, אין אזא עלטער קען זיין אז דו וועסט אליין חרוב מאכן דיין לעבן אויף אומזינסט און אין ענדע וועסטו זיין פארלוירן פון דא און פון דא...". אבער די פרוי האט געהאט א גרייטע ענטפער: "ביז ווען דער נומער 'פערציג' ווערט דערמאנט אין די צאל פון מיינע יארן, האב איך נאכנישט פארלוירן מיין האפענונג, ווענן דעם בעט איך דיר, זאג נישט אפ מיין געבעט".

"איך בעט נישט גארנישט מער פון דעם", האט די פרוי זיך ווייטער זיך געבעטן, "איך בין גרייט דו זאלסט מיך אוועקשיקן מיט ליידיגע הענט. איך וועל איבערלאזן ביי דיר אונזער גאנצער רייכטום און ארויסגיין מיט ליידיגע הענט".

אין אנהויב האט דער מאן נישט געוואלט ערפילן איר געבעט, אבער זי האט נישט אויפגעהערט פון זיך צו בעטן ביי אים, אזוי איז זיין ווידערשטאנד שוואכער געווארן, ביז צום ענדע האט ער צוגעשטימט איר צו גט'ן.

אזוי אז נאך דרייסיג יאר פון רייכטום און כבוד, איז די פרוי ארויס פון איר מאנ'ס הויז ווען זי איז ארעם און אויסגעזעקלט, אבער פול מיט האפענונג און תפילה אז זי וועט קענען פארווירקליכן איר וואונטש.

א שטיקל צייט נאכדעם האט זי חתונה געהאט צום צווייטן מאל מיט א אלמן א טייערער תלמיד חכם מיטן נאמען רבי אברהם פלענסבערג, וואס האט זיך געפריידט אויפשטעלן זיין שטוב פון דאסניי מיט אט די פרוי וואס איז באקאנט געווען אלץ א יראת שמים מיט איידעלע מידות.

פון די טאג וואס זיי האבן חתונה געהאט האט די פרוי נישט אויפגעהערט פון צו דאווענען און בעטן ביי ה' אז דאס וואס זי האט זיך מקריב געווען זאל נישט זיין אומזינסט, און זי זאל זוכה זיין צו קינדער, אבער ווען עס איז אריבער א יאר פון זייער חתונה און זיך שוין דערנענטערט צו די עלטער פון פופציג, האט די יאוש אנגעהויבן עסן אין איר. די געדאנק אז עס קען זיין אז אומזינסט האט זי חרוב געמאכט איר פריערדיגע לעבן האט איר צוגעברענגט א שרעקליכע ווייטאג.

אן צו וועלן האט די ווייטאג איר ארום גענומען פון אלע זייטן, איר פנים איז שטענדיג געווען פארטרויערט. זי האט פארמערט צו דאווענען, פאסטן תעניתים, און אוועק געגעבן אירע לעצט-פארבליבענע פיאסטער'ס אויף צדקה, אבער די ישועה האט זיך פארזוימט פון צו קומען.

איין נאכט, איז איר מאן ארויס פון שטוב לערנען ביי זיין חבר אינדערהיים, ווען זי בלייבט אין שטוב אויסגיסן איר הארץ פארן באשעפער אין די תהילים'ל וואס זי האט געהאלטן אין האנט. די געוויין האט איר אנגעכאפט, און זי האט אנגעלענט איר קאפ אויפן טיש און ווייטער געוויינט ביז זי איז איינגעדרימלט געווארן.

אינמיטן שלאף האט זיך פלוצלינג אנטפלעקט פאר איר א עלטערער מענטש מיט א שיינעם געשטאלט ווען אין האנט האט ער געהאלטן א צוגעדעקטע טעלער און איר געזאגט: "איך בין ירמיהו הנביא, הער אויף צו וויינען, ה' האט צוגעהערט דיין תפילה און וועט דיר געבן א זון מיט א טאכטער".

דער מענטש האט געענדיגט זיינע קורצע רייד און איז פארשווינדן געווארן, און די פרוי האט זיך אויפגעוועקט דערשראקן. עטליכע מינוט איז איבער ביז זי האט זיך צוריקגעכאפט און פארשטאנען וואס זי האט יעצט זוכה געווען, איר הארץ האט זיך צוריק אנגעפילט מיט א נייע האפענונג.

וויינִיגער פון יאר דערנאך האט די גאנצע שטאט געפייערט די סעודת ברית מילה פון דעם הרך הנולד, ונקרא שמו בישראל "חיים ירמיהו", 'חיים' נאך זיין מאמע'ס פאטער, און 'ירמיהו' נאך דעם נביא וואס איז געשיקט געווארן פון הימל מבשר זיין פאר די פרוי אז אירע סאך תפילות זענען אגענומען געווארן.

ארום צוויי יאר שפעטער איז פאר זיי געבוירן געווארן נאך א טאכטער, וואס צוזאמען מיט איר עלטערער ברודער וואס איז אויסגעוואקסן צו זיין איינער פון די גאוני ליטא האבן פארשאפט נחת און פרייד פאר זייערע עלטערן.

דיך צו לערנען ווי שטארק איז די כח פון תפילה.

'מטבע של אברהם' ח"ב עמ' 43

shay עיצובים